# חג השבועות

## בס״ד. משיחת יו״ד שבט התשמ״ג

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

וואס אין דערויף זעהט מען דאך א חידוש: אז ס׳איז געווען א חילוק עיקרי בהנוגע צו אויסנוצן דעם שכל וואס דער אויבערשטער האט געגעבן א מענטשן:

איז געווען דער סדר אין מצרים אז דער לימוד החכמות איז געווען באגרעניצט צו ״חרטומים״ און צו ״איצטגניני פרעה״ וכיוצא בזה, און ס׳איז געווען ״כספר החתום״ פאר איינפאכע מענטשן, וואס פון זיי האט מען דאס באהאלטן, און מיט זיי האט מען דאס ניט געלערנט,

און בשעת מ׳האט זיי געדארפט עפעס זאגן, האט מען דאס געזאגט אין אן אופן פון פקודה – אז אזוי מוזסטו טאן, ניט פארשטייענדיק, און וועסט ווייטער אויך ניט פארשטיין, דערפאר וואס צו התבוננות בשכל – דאס געהערט צו חרטומי מצרים און צו איצטגניני פרעה וכיוצא בזה, אט די וואס זיינען געווען אפגעשלאסן פון דעם איבעריקן פאלק, און זיי האבן זיך פארנומען מיט לערנען – להבדיל – זייער תורה, און ביי אלע איבעריקע געווען מערניט ווי מעשה אליין.

גלייך ארויסגייענדיק פון מצרים, וואס ס׳איז געווען ״בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה״[1] – דער ענין פון מתן תורה, איז געווען פונקט פארקערט דערפון: בשעת דער אויבערשטער האט געגעבן תורה צו אידן, האט ער געזאגט צו משה רבינו, אז ער זאל אראפגיין פון הר און זאל שטייען צווישן אידן, און אלע שישים ריבוא מישראל – אויך נשים וטף, און די וואס זיינען געווען אינגער פון עשרים שנה, וואס די שישים ריבוא איז דאך אלץ יוצאי צבא בישראל פון עשרים שנה –

זאלן אלע צוזאמען הערן בבת אחת די אלע עשרת הדברות וואס זיי זיינען כולל כל התורה כולה עד סוף כל הדורות – ווי ער זאגט אין מדרש אין ירושלמי, אז ״וידבר אלקים את כל הדברים האלה לאמר״ – כולל אויך אז ״מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש״[2] – בסוף כל הדורות,

---

1) שמות פרק ג׳, פסוק יב.

2) ראה מס׳ מגילה דף יט, ע״ב. ירושלמי מס׳ פאה פרק ב׳ הלכה ד׳. שמות-רבה ריש פמ״ז. ויקרא-רבה ריש פכ״ב. קהלת-רבה פ״א, ט (ב). פ״ה, ח (ב). ועוד



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# חג השבועות

האט מען דאס געגעבן בבת אחת צו יעדער אידן און אלע אידן ביז דעם פשוט שבפשוטים!

און נאכמערער: ס׳איז דערנאך געווארן פון די עיקר׳דיקע מצוות: דער ענין פון תלמוד תורה – פונקט דער היפך: אז דאס איז א חיוב אויף לערנען תורה פון "ראשיכם שבטיכם"[3] ביז "חוטב עציך ושואב מימיך", ובלשון הרמב"ם[4] אפילו א זקן, אפילו א בעל יסורים, אט ווער ס׳זאל ניט זיין, ווי ער זאגט אין הלכות תלמוד תורה, אפילו אן עם הארץ –

איז ווייניקסטנס א פסוק אחד שחרית ופסוק אחד ערבית, מוז ער אויך זאגן בכל יום ויום, און דער זאגן זיינער דארף זיין אין אזא אופן – ווי די גמרא זאגט אין מנחות, אז מ׳זאגט אויף דערויף "לא ימיש דברי התורה הזאת יומם ולילה" – אז דאס ווערט פארשפרייט און דאס נעמט-דורך זיין גאנצען טאג, סיי די ליכטיקע שעות און סיי די טונקעלע שעות פון דער לילה, מיט אלע פירושים און רמזים וואס ס׳איז דא אין דעם.

ווי געזאגט, אז גלייך ווי אידן זיינען געווארן א פאלק, האט מען גלייך אנגעזאגט יעדערער פון זיי, אז יעדערער פון זיי איז מחוייב אין לערנען תורה; מחוייב אין מתבונן זיין אין "מה גדלו מעשיך הוי'"[5] ו"מה רבו מעשיך הוי'"[6], און דורך דערויף קומען לאהבתו וליראתו,

פונקט דער היפך ווי ס׳איז געווען אין דער לאנד וואס זיי זיינען געווען כמה וכמה דורות, און זיי האבן געדארפט – לכאורה – באאיינפלוסט ווערן פון דארטיקע מנהגים, איז האבן זיי גלייך באקומען די אנווייזונג און דער בפועל אז ס׳דארף זיין פונקט דער היפך, אז מ׳דארף לערנען תורה מיט קינדער און מיט עלטערע און מיט ערוואקסענע, אן קיין אונטערשייד,

ניט קוקנדיק אויף שוועריקייטן, און אנהויבנדיק "משהתינוק מתחיל לדבר"[7] – גלייך ווי א קינד הויבט-אן רעדן, איז שוין "אביו מלמדו תורה", און זאגט עם אז ער לערנט מיט עם תורה לויט זיין פארנעם,

---

3) פ׳ נצבים פרק כט, פסוקים ט-י.

4) הלכות תלמוד-תורה פרק א׳, הלכה יא.

5) תהלים צב, פסוק ו׳.

6) תהלים קד, פסוק כד.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# חג השבועות

ער דארף אבער וויסן זיין, וואס איז ער "מלמדו"? "תורה ציוה לנו משה מורשה קהילת יעקב"[8], אז דאס איז אן אנהויבס,

און דאס איז כולל אין זיך – ווי א כלל וואס איז כולל אין זיך אלע פרטים – די גאנצע תורה וואס זי ווערט אנגערופן בתורה ווי משה האט איר באקומען – "תורת משה".

און דאס ווערט "מורשה קהילת יעקב" – דאס קומט אן בירושה צו יעדערן וואס געהערט "קהילת יעקב", ווערט אויף אים ארויפגעלייגט א מצוה, און א מצוה תמידית, וואס זי איז סיי ביום און סיי בלילה.

———— • ————

7) ראה מס׳ סוכה דף מב, סע״א. רמב״ם הלכות תלמוד-תורה פרק א׳ הלכה ו׳. הלכות תלמוד-תורה לאדמו״ר הזקן בתחלתן. ועוד.

8) פ׳ ברכה פרק לג, פסוק ד׳.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.